זינדיק בלוט

א העכסט שפאנענדער ראמאן פון דעם אידישן לעבן אין אמעריקע

++++

פון א. ר.

(פארטזעצונג)

מרס. שטיינבעק איז דוקא געבליבן רואיק. זי האט גוט געוואוסט אז סילוויא וועט פון איר קיין זאך נישט באהאלטן און אז זי וועט איר פאלגן און זי וועט טאן דאס וואס זי וועט איר הייסן. אין פארלויף פון יארן האבן זיך די קינדער אויסגעלערנט צו פאלגן דער מוטערס באפעלן און עצות. און זי — וועט שוין וויסן ווי אזוי דורכצופירן דעם גאנצן ענין אז עס זאל זיין גוט פאר סילוויאן און פאר איר. דער עיקר נאר אויב די זאך האט א ממשות, אויב דער אלטער מיינט עס ערנסט.

אז דער זייגער האט געשלאגן ניין און סילוויא איז נאך אלץ נישט געווען, האט שוין די מוטער אנגעהויבן ווערן אביסל אומרואיק. דאס הארץ האט איר גענומען שרעקן, ווער ווייסט ? אפשר איז מעקס פארט געווען גערעכט ? אפשר מיינט נאר דער מר. וואלף נישט ערנסט, און דערוויילע וויל ער זיך א שפיל טאן מיט איר טאכטער ? . . . זי האט אלע ווייל געקוקט דורכן פענסטער, נאך מער ווי א פינסטערע נאכט האט זי נישט געזען. א פאר מאל איז זי ארויס אויף דער גאס — זי האט אנגעשטריינגט אירע אויגן און זי האט געקוקט אויף די דורכלויפנדיקע מאשינען, אבער עס איז געווען אומזיסט.

אין דרויסן איז געווען קיל און כמורנע און א ווינט האט שטארק געבלאזן. די עלעקטרישע לאמטערנעס האבן זיך גענויגט פון דעם ווינט און סילוויא'ן האט מען נאך אלץ נישט געזען.

זי איז צוריק אריין אין הויז און זי האט געווארט מיט אנשטריינגונג. מיט אמאל איז זי אויפגעשפרונגען: זי האט דערהערט דאס קרעכצן פון א מאשין, וואס האט זיך אפגעשטעלט פאר דער הויז. זי איז מיט גיכע טריט צוגעגאנגען צום פענסטער — יא. דאס איז זי. סילוויא איז א פרייליכע ארויסגעשפרונגען פון דעם רייכן און שיינעם אוטאמאביל. זי האט זיך געזעגנט און זי האט געפאכעט מיט דער האנט נאך דעם אוטאמאביל.

זי איז אריין אין שטוב א צעפלאמטע מיט פרייליכע און גלאנצנדיקע אויגן און מיט א שטיל געזאנג.

— העלא, מאמע ! פארשפעטיקט ? הא ?

מרס. שטיינבעק האט א ווילע געשוויגן און זי האט געקוקט שטרייננ און מיט א בייזער שטימע האט זי געפרעגט:

— וואו ביזטו געווען ביז אהער ?

— באלד מא . . . אט וועל איך דיר דערציילן.

זי האט זיך אראפגעווארפן דעם מאנטל, אויסגעטאן דאס היטעלע און די מוטער האט דערזעען די נייע פערל אויף איר האלז.

— וואס איז דאס פאר פערל ? הא ?

סילוויא האט זיך געזעצט לעבן דער מוטער אויף א ביינקל און זי האט איר אלעס דערציילט. זי האט גערעדט גיך, אין איין אטעם, דערציילט ווי אזוי עס איז פארגעקומען. זי ווייסט נישט פון גארנישט צו זאגן. אין דער פרי ווען זי איז געקומען צו דער ארבעט, האט מען איר געזאגט, אז זי וועט פון היינט אן נישט זיצן ביי דער מאשין און אז זי האט אן אנדער ארבעט: א לייכטערע, א פיינערע. איז מיין עסק ? זאל זיין אזוי ! איך האב טאקע פיינט די מאשין ווי מען האט פיינט א שפין. און שפעטער איז געקומען דער באס . . . ער האט געשמייכלט . . . גערעדט . . .

און זי האט אויסגעלאזט:

— ווייס איך ? ער האט מיר געגעבן — האב איך גענומען — צוערשט האב איך געמיינט, אז ער שפאסט עס . . . איך האב נישט פארשטאנען, וואס ער מיינט מיט דעם. פארוואס קומט עס מיר ? — האב איך זיך געפרעגט — האט ער געשמייכלט און געזאגט: אז ער האט עס פאר מיר געקויפט . . . זע נאר דעם רינג, מאמע . . .

די מוטער האט אלץ אויסגעהערט א שטילשווייגנדע. זי האט באקוקט דעם רינג, די פערל, זי האט איר אויסגעפרעגט וואס ער האט מיט איר גערעדט, וואס ער האט געזאגט, און וואס זי האט אים געענטפערט.

— ס'איז א דיימאנד ?— האט די מוטער איבערגעפרעגט.

— זיכער ! א ריכטיקער דיימאנד !... ער האט מיר אליין געזאגט. און אליין זעסטו דען נישט ?

די מוטער האט זיך אויף א ווילע פארטראכט און דערנאך האט זי א פרעג געטאן:

— וואס זשע סילוויא מיינסטו באדייט עס ?

— וואס ווייס איך ?

— גלאט אזוי גיט מען דאך נישט קיין מתנות ? אז מען גיט אזעלכע טייערע מתנות מיינט מען דאך עפעס.

סילוויא איז אביסל צעטראגן געווארן.. זי איז גארנישט געווען אזא נאאיווע מיידעל. נאר זי איז געווען אזוי באצויבערט פון די מתנות, אז זי האט פארגעסן צו טראכטן. די מתנות זיינען איר שטארק געפעלן געווארן, צו זיין רייכקייט האט עס איר געצויגן. אבע ר. . . און זי האט געקוקט אויף דער מוטער מיט צעשראקענע אויגן:

— האב איך עס נישט געדארפט נעמען ?

— דו האסט אפשר טאקע ניט געדארפט נעמען. וואס עפעס גיט ער דיר מתנות. נאר מילא, דו האסט דאך שוין גענומען . . . ווי עס זעט אויס געפעלסטו אים . . . ער איז דאך אן אלמן . . . און ער איז זייער א רייכער מאן . . . נאר געדיינק סילוויא... ס'איז נישט קיין קלייניקייט . . . טאמער נעמט ער מיט דיר ריידן וועגן א תוך זאך . . . זאלסטו אים אפשיקן צו מיר . . . דו ביזט א קינד, און דו ווייסט נאך נישט וואס עס מיינט לעבן אויף דער וועלט . . .

— וואס מיינסטו מאמע ?

— איך ווייס שוין וואס איך מיין... איך וועל שוין וויסן ווי אזוי צו האנדלען.

סילוויא איז געווארן שטארק צעטומעלט. מיט אמאל האט זיך די שרעק געשטארקט אין איר. זי האט זיך דערמאנט, אז ער איז שוין א מאן אין די יארן, אז ער האט שוין קינדער, וואס זיינען עלטער פון איר.

— מאמע . . . איך וועל עס אים צוריקגעבן.

— וואס ? זיי נישט קיין נאר, סילוויא . . . מען גיט נישט צוריק . . . . וואס ווילסטו, וואס ? ער זאל דיר פון שאפ פארטרייבן ? ער איז זייער א רייכער מאן . . . און ער איז נאך נישט קיין אלטער . . . דו פארלאז זיך שוין אויף מיר . . . און הער אויף צו מאכן קינדערשע שטיק . . . וואס מיינסט, וואס ? ביזט איצט אלט צוועלף יאר און דו האסט א רייפן טאטן ?

סילוויא האט שוין געשוויגן. זי האט שוין איצט פארשטאנען אלעס, און זי האט געטראכט פון דעם יונגן און שטארקען בענדזשאמין. זי האט זיך דערמאנט ווי ער האט היינט אין דער פרי געגעבן א הויב אויף א שווערן שטיק סחורה... זי האט זיך דערמאנט ווי זיינע אויגן האבן געלויכטן ווען ער האט איר היינט אין דער פרי געפרעגט:

— וועט איר קומען זונטאג ?

ס'איז איר מיט אמאל געווארן טרויעריק אויפן הארצן. א שטילער אומעט האט זיך שווער געלייגט אויף איר ברוסט און זי האט שווער געאטעמט. אבער באלד האט עס אין איר ווי א זאג געטאן: "בענדזשאמין האט דאך א ווייב" . . . און דערוויילע: דערווייל בלישטשעט דער דיימאנט און עס לויכטן די פערל . . .

און די מוטער האט שטיל אין זיך געטראכט:

— אפשר, טאקע . . . ער מיינט עס געוויס ערנסט . . . . זי איז דאך שיין ווי א פרינצעסן . . . געלט האט ער אליין גענוג . . . אפשר איז שוין טאקע געקומען די צייט אז מיר זאלן אויך אויפגעריכט ווערן ? ער האט טאקע גרויסע קינדער . . . . זיי וועלן זיין דאגעגן, אבער מען קאן זיך דאך באווארענען . . .

— דו וועסט עפעס עסן, סילוויא ?

— יא . . . איך וויל טאקע עסן . . . אין רעסטאראן האבן איך זיך געשעמט צו עסן . . . אלע קוקן אויף דיר . . . עפעס די הענט לייגן זיך נישט . . . איצט בין איך טאקע הונגעריק.

— טא זעץ זיך צום טיש.

זי איז אויפגעשפרונגען פון איר ארט. זי איז אריין אין קיך זיך וואשן די הענט. און די שווערקייט וואס זי האט פריער געפילט איז שוין פארביינגעגאנגען . . . . זי האט שוין איצט צוריק אונטערגעזונגען און זי האט געפילט דעם גלאנצנדיקן דיימאנד אויף איר פינגער.

און זי האט ניט געוואוסט אז:

פאר דער הויז האט זיך אין דער דאזיקער צייט מעקס ארומגעדרייט א טרויעריקער, א שווייגנדיקער מיט צעשטערטע האפענונגען, און דאס הארץ האט אין אים געוויינט.

קאפיטל 9

א צערודערטע נאכט

נאכ'ן קריג וואס מר. וואלף האט געהאט מיט זיינע קינדער, איז ער אריין צו זיך אין שלאף צימער אן אויפגערעגטער און א צערודערטער. דאס בייזע געשפרעך וואס ער האט נאר וואס געהאט מיט זיינע קינדער, האט אים שטארק אויפגעבראכט און ער האט דערפילט אין זיך אן עקשנות נישט אפצוטרעטן פון זיין וועג אויף וועלכן ער האט זיך געלאזט.

— גענוג ! — האט ער צו זיך אליין געמורמלט — זיי זיינען שוין אלע דערוואקסענע. גענוג זיך מקריב געווען פאר די קינדער ! איך בין אויך א מענש און איך דארף אויך לעבן אויף דער וועלט!

ער האט ארומגעדרייט די ליכט. ער האט א פאר מאל זיך דורכגעשפאצירט איבער דעם גרויסן און רייך מעבלירטן צימער, ער האט זיך געשטעלט פארן גרויסן שפיגל און ער האט זיך אליין באטראכט. דאס פנים איז אים געווען גלאטיק און לויטער. די פאר קנייטשן וואס זיינען אים געלעגן אונטער די אויגן, זיינען היינט אויסגעגלעט געווארן אין דעם ביוטי פארלאר, און ער האט לייכט א שמייכל געטאן צו זיך אליין, און ער האט ארויסגעשעפטשעט:

— און זיי האבן געמיינט: שוין ! זיי ירש'ענען מיך שוין. איך וועל זיך אוועקזעצן ווארטן אויפן טויט און זיי וועלן ווערן די באלעבאטים ! נעווער מיינד ! איך בין באלעבאס !

ער האט זיך גענומען אויסטאן און ער האט ווידער א מורמל געטאן:

— און דעם תכשיט געפעלט נישט!

— נו, קאן ער זיך גיין.

ער האט זיך אויסגעטאן, און ער האט אליין געשמעקט דעם פארפיום־ריח פון זיינע זויבערע קליידער. דערנאך האט ער זיך אוועקגעזעצט אויף זיין בעט און ער האט זיך געגלעט די אייגענע נאקעטע און שטייפע הענט. ער האט פרובירט אנציען די מוסקולן און ער האט מיט הנאה געטאפט די הארטקייט זייערע: — נישקשה, ער איז נאך ווייט נישט אלט. ער וועט אנהויבן זיין לעבן... ער האט גענוג געליטן ביז אהער . . .

ער האט געווארפן א בליק אויף דער צווייטער בעט, וואס איז געשטאנען פאר בעט זינט זיין פרוי איז געשטארבן און ער האט זיך דערמאנט אן איר. ער האט זיך דערמאנט אין איר טרויעריק פארעלטערט פנים מיט די קנייטשן, און עס האט אים אנגעכאפט א ציטער. נאר באלד האט ער דעם ציטער־פון זיך פארטריבן, און ער האט מיט כעס א טראכט געטאן:

— גענוג האב איך זיך אנגעליטן פון איר.

ער האט מיט זיין פארשטארבענער פרוי זייער שלעכט געלעבט, און ער האט ביי זיך געטראכט: אז די אלע יארן וואס זי איז געווען זיין פרוי זיינען פאר אים געווען פינסטערע, כמורנע, אן א שטראל פון ליכט און גליק. די אלע יארן וואס ער איז געווען מיט איר אין אמעריקע זיינען פאר אים געווען ביטערע און אומגליקלאכע, אזוי האט ער ביי זיך געטראכט.

(פארטזעצונג קומט)

היימאן און העסטרין
באריסטערס, סאליסיטארס און א. וו.
216 — מעקאינטייר בלאק — 216
טעלעפאן 21 627
מר. העסטרינס וואוינונג:
306 סט. דזשאנס עווע. טעל. 53 133

שינביין, מאראזניק און ראבלין
Shinbane, Morosnick & Roblin
Barristers, Solicitors and Notaries
באריסטערס, סאליסיטארס, נאטאריעס
Office: 207-8 Confederation Life Bldg.
457 Main St. Opposite City Hall
טעלעפאן 21 345—6

טשערניאק, קאפשטיין און ספיוואק
Barristers, Solicitors, Etc.
460 מיין סטריט
טעלעפאן 24 591 און 24 666

א. ע. קאנטאר
אדוואקאט און נאטארי
A. E. CANTOR
211 קיורי בילדינג, 233 פארטעדש עווע.
טעל. 89 225—29 937
רעזידענס:
103 בענערמאן עווע. טעל. 51 353

ה. שולמאן
אדוואקאט און נאטארי
געלט צו לייען אויף 6% פראצענט
Schulman & Nitikman
213 קאנפעדעריישאן לייף בילדינג
457 מיין סטריט, אנטקעגן סיטי האל
טעלעפאן 88 462

Doctors' Directory דאקטוירים

IN ALPHABETICAL ORDER

	Residence	Office
דר. ס. דזש. בערמאק, 834 מיין סטריט אפיס שטונדן פון 2—4 און 7—8 DR. J. C. BERMACK	51 250	53 578
דר. דזש. ברענער, 402 סעלקירק עוועניו אפיס שטונדן: 3—5, 7.30—8.30 DR. J. BRENER	54 107	54 107
דר. א. גוטמאן, 5—304 עוועניו בלאק 265 פארטעדזש עוועניו אפיס שטונדן: 10—12, 2—6 און ביי אפאינטמענטס DR. A. GUTTMAN	53 422	26 947
דר. ס. דזשאוויש, 404 באיד בלדג. שטונדן: 11—12 און 3—6 און ביי אפאינטמענטס DR. SIMON JAUVOISH	54 429	22 717
דר. וו. הערשפילד, 576 מיין סט. קאר. אלעקסאנדער עוו. אפיס שטונדן 11—1, 2—5 און 7—9 DR. H. HERSHFIELD	28 153	26 600
דר. ב. א. וויקטאר, קאר. סעלקירק און סאלטער (איבער דער באנק) אפיס שטונדן: פון 3—5 און 7—8 DR. B. A. VICTOR	51 772	52 744
דר. דזשא. בי. מעקטעוויש, שטונדן 2—5 און 7—9 פרויען און קינדער קראנקהייטן 500 קאלעדזש עווע., רעז 504 קאלעדזש עווע. DR. GEO. B. McTAVISH	52 376	
דר. י. פערלמאן, 291 בראוס עווע., קאר. טשארלס אפיס שטונדן פון 3—5 און 7—8 DR. I. PEARLMAN	53 181	53 181
דר. ס. קאברינסקי, סוויט 2 קראמפ בלאק (מיין און דאפערין עווע.) אפיס שטונדן פון 3—5 און 6.30—8 DR. S. KOBRINSKY	51 968	54 866
דר. מעקס ריידי (עקס רעי) 283 פארטעדזש, קאר. סמיט (100 טאראנטא דזשענ. טראסט בלדג.), לעבן איטאנס שטונדן: פון 2—6 אוונט און ביי אפאינטמענטס DR. MAX RADY	49 763	24 480
דר. סעם ראדין, ראיאל בענק בילדינג (מיין און סעלקירק) אפיס שטונדן פון 3—4 און 6—8 DR. SAM RODIN	52 614	53 915
דר. א. ל. שובין, אפיס שטונדן 11—12 און 2—6 אפיס: בענק אף קאמערס בלדג., מיין און אלעקסאנדער רעזידענס: 375 מעקרעי עווע. DR. A. L. SHUBIN	59 473	88 916
אויגן, אויערן, נאז און האלז		
דר. י. ה. בעקמאן, 613 באיד בילדינג DR. J. H. BECKMAN	51 848	29 110
דר. ד. מ. דזשענאף, 2־830 סאמערסעט בלאק DR. D. M. GENOFF	51 359	24 465
קינדער קראנקהייטן		
דר. ה. מעדאווי 904 באיד בלדג. 3—5; 332 מאניטאבא עוו. 11—12 DR. H. MEDOVY	53 320	88 013

Dentists Directory דענטיסטען

IN ALPHABETICAL ORDER

	Residence	Office
דר. י. בן עזרא, ב.א. 962½ מיין סט. קאר. סעלקירק DR. I. BEN EZRA, B.A.	41 652	51 560
דר. מ. א. ברעגמאן, סוויט 1 סט. דזשאנס בלק., 984 מיין סט. DR. M. A. BREGMAN		53 720
דר. ס. אי. גרינבערג, 414 באיד בילדינג. DR. S. E. GREENBERG.		86 115
דר. א. גארדנער, 409 סעלקירק עווע., קאר. סאלטער. (איבער דער ראיאל באנק) DR. A. GARDNER	39 829	52 744
דר. ס. טשוירטשיל, סוויט 1, טריק בלאק, 972 מיין סטרים. DR. S. H. CHURCHILL		56 056

ער האט מיט זיינע מיליאנען געקעניגט איבער א גאנצער שטאט

איצט איז ער אין פריזאן און פון זיינע מיליאנען איז אים א סענט ניט געבליבן

פון ש. ווארעט

יארן לאנג האט איבער זיין גרויען קאפ געשוועבט די געפאר פון גיין אין פריזאן, פארברייננען די לעצטע פאר יאר וואס איז אים נאך געבליבן צו לעבן, אבער אלע וועלכע האבן אים געקאנט האבן ניט געגלויבט און ניט געקאנט גלויבן אז דער אמאליקער מיליאנער, וועלכער האט מיט זיינע מיליאנען רעגירט איבער א גאנצער שטאט וואס האט צו אים באלאנגט, וועט פאראורטיילט ווערן אויסצוהויכן זיין לעצטן אטעם ניט אין איינעם פון זיינע ריזיקע פאלאצן, נאר אין א פייכטער און פינסטערער פריזאן־צעל.

אבער דאס וואס קיינער האט ניט דערווארטעט איז געשען. דזשאשיא וו. טאמפסאן, דער אמאליקער מולטי מיליאנער איז אין עלטער פון זיבעציק יאר אפגעשיקט געווארן אין פריזאן טאקע אין דער שטעטל וואס האט אמאל אינגאנצן באלאנגט צו אים.

אין יוניאטאון, פא., איז טאמפסאן אמאל געווען א קעניג. דארט האט אים זיין פאטער איבערגעלאזט בירושה די "יוניאנטאון נעשאנאל באנק" וועמעס פרעזידענט ער איז געווארן. די קאנסערוואטיווע פאליסי וואס די באנק האט געהאט וועגן אינוועסטן די געלדער פון אירע דעפאזיטארס, איז טאמפסאנען ניט געפעלן געווען און ער האט זי אינגאנצן אפגעשאפט. ער האט אנגעפאנגען אריינלייגן שווערע טויזנטער אין קוילן מינעס און אין אויל קוואלן. די איינוואוינער פון דער גאנצער קאונטי האבן אין אים געגלויבט ווי אין א גאט און זיי זיינען מיט אים מיטגעגאנגען. א סך פון זיי זיינען געווארן רייך איבער נאכט, אבער נאך רייכער פון זיי איז געווארן טאמפסאן, וועמעס פארמעגן עס האט אין פארלויף פון עטלאכע יאר דערגרייכט עטלאכע מיליאנען דאלאר.

עס האט לאנג ניט גענומען און טאמפסאן איז באוואוסט געווארן אלס דער מאן וועלכער פארמאגט מער קוילן מינעס ווי אירגענט וועלכער מענש אין דער וועלט. פאר זיין געלט האט מען אנגעפאנגען בויען פילאנטראפישע אינסטיטוציעס אין יוניאנטאון און אלץ וואס דאס שטעטל פארמאגט איצט, איז געווען צו פארדאנקען זיין פילאנטראפיע. ביז דעם יאר 1915 איז ער געשאצט געווארן אלס מולטי־מיליאנער און זיינע פריינט האבן וועגן אים געזאגט אז ער פארמאגט מער ווי זיבעציק מיליאן דאלאר.

ער איז אבער ניט געווען צופרידן מיט זיינע דערגרייכונגען. געלט האט אין זיך אזא כישוף אז וואס מער מען האט, אלץ מער וויל מען. האט זיך טאמפסאנען טאקע פארגלוסט איינצושלינגען די וועלט. ער האט אנגעפאנגען טראכטן וועגן בויען אן אייזנבאן און ער האט אין דעם פראיעקט אריינגעבראכט שווערע מיליאנען. פון דער אייזנבאן איז גארניט געווארן. ניט נאר האט ער פארלארן אין דער דאזיקער אונטערנעמונג זיין אייגן געלט, נאר אויך פילע מיליאנען וואס זיינע הונדערטע פריינט האבן אים אנפארטרויט און כדי צו קאנען אנהאלטן זיין נאמען און זיין רעפוטאציע, האט ער געדארפט אויסצאלן עטלאכע מיליאנען דאלאר צו די אינוועסטארס.

דער דורכפאל פון דעם אייזנבאן פראיעקט האט טאמפסאנען געבראכט צו דעם שוועל פון אפגרונט. וועלנדיק זיך ראטעווען, האט ער זיך באנוצט מיט דער סומע פון 350 טויזנט דאלאר, וואס זיינער א שוואגער האט איבערגעלאזט אין זיין באזיץ פאר זיין טאכטער ביז זי וועט ווערן אלט 21 יאר. טאמפסאן האט דער פלימעניצעס ירושה פארטאכלעוועט און ווען עס איז געקומען די צייט און זי האט אנגעפאנגען מאנען דאס געלט, האט ער עס מער ניט געהאט.

זיין פלימעניצע האט אים אנגעקלאגט אין קאורט. עס האבן זיך אנגעפאנגען פראצעסן און הירינגס. זיינע אדוואקאטן האבן זיך געבעטן ביי די דזשאדזשעס אז מען זאל דעם אמאליקן מיליאנער דערלויבן דורכצופירן נאך איין פראיעקט, פון וועלכן ער האט געהאפט צו מאכן גענוג געלט און צו קאנען דעקן זיינע חובות. די קאורטס האבן טאמפסאנען געגעבן די דאזיקע געלעגנהייט, געדיינקענדיק אז ער איז א קינסטלער אויף צו מאכן מיליאנען.

פיר יאר נאכאנאנד האט די קייס זיך געצויגן אין די קאורטס און טאמפסאנס פריינט האבן אלץ צוריקגעהאלטן דאס אומפארמיידלאכע, זיין פאראורטיילונג צו פריזאן.

מיט עטלאכע טעג צוריק איז ער ווידער געקומען אין קאורט. א געבויגענער אין דרייען איז דער אמאליקער מולטי־מיליאנער געשטאנען פאר דעם ריכטער. פון זיינע אויגן האבן זיך געגאסן טרערן, ווען ער האט זיך געווענדעט צום דזשאדזש:

— יור האנאר — האט ער געמורמלט — איך האב געדיינקט אז איך וועל נאך קאנען קומען צו זיך, אבער עס איז פארפאלן. איך האב ניט געקאנט שאפן דאס געלט און איצט קאנט איר מיט מיר טאן וואס איר ווילט.

דער ריכטער האט מיט פייכטע אויגן געקוקט אויף דעם אמאליקן קעניג פון יוניאנטאון. אין זיין מוח זיינען דורכגעפלויגן די מאמענטן ווען טאמפסאנס ווארט איז געווען געזעץ, ווען ער איז געווען די גרעסטע קראפט אויף וואל סטריט, און ווען עטלאכע מיליאנען דאלאר האבן געשפילט ביי אים א קנאפע ראלע. געזעץ איז אבער געזעץ און טאמפסאן איז פון דעם ריכטער פאר'משפט געווארן צו עטלאכע יאר פריזאן.

דער נעכטיקער מיליאנער איז איצט זיבעציק יאר אלט. ער איז קראנק און זיינע פריינט זיינען זיכער אז ער וועט אויסהויכן זיין לעצטן אטעם אין א פריזאן צעל פון דער שטעטל וואס איז אמאל געווען זיינס און איבער וועלכער ער האט ערשט ניט לאנג צוריק געקעניגט.

רעדזשיינע רעדזשיינע

רעדזשיינער נאטיצן

זונטאג, דעם 21טן דעצעמבער, האבן מיר געהאט אן אינטערעסאנטן אוונט. דאס איז געווען א חנוכה־פייערונג אראנזשירט פון מר. און מרס. אייזנבערג. די ת"ת לערער און די ת"ת קינדער. דער גרויסער זאל איז געווען געפאקט מיט באזוכער. א גרויסן פלאץ האבן פארנומען די ת"ת קינדער וועלכע זיינען געזעסן נאענט צו דער בינע. זייט מיר געדיינקען האבן מיר ניט געהאט אזא געפאקטן זאל ווי ס'איז דעם זונטאג געווען. פאר די קינדער איז דאס געווען א גרויסער יום־טוב און אין דער זעלבער צייט אויך אמוזירנד. אין קורצן איז די פראגראם געווען ווי פאלגט:

דערעפענונגס רעדע פון מר. ווילקס, דער נייער לערער וואס איז ביי אונז אנגעשטעלט פאר די לעצטע עטלאכע מאנאטן. ער האט אין קורצן דערקלערט די באדייטונג פון חנוכה און ווארום מיר פייערן אים אלס יום־טוב. חנוכה מנורה, א לעבעדיק בילד צוזאמענגעשטעלט פון די קינעדר, שיין געקליידעט אין נאציאנאלע קאסטיומען מיט ליכטלאך אין די הענט, וואס האט געמאכט א שיינעם איינדרוק. אויך אינטערעסאנט און ספעקטאקולאר איז געווען דאס "חנוכה בענשן" אויסגעקינדער, שיין געקליידעט אין נאציאנאלעקער אינגעלע, מיט'ן כאר, אנגעטאן אין א קליין טלית'ל ווי א קליין חזנ'דלי און פירט פון בעני גאראדסקי, א קליינינדער עולם האט זיך זייער אמוזירט.

די קינדער האבן דעקלאמירט העברייאישע און אידישע שירים. א חוץ דעם שפילן אין העברייאיש און אידיש. אזוי איז געווען זייער שיין אויפגעפירט "דער זייגער" פון שלום־עליכם, אויפגעפירט פון יעקב קארדאן, מענדל וואסערמאן, דבורה מעקלען, דבורה סאפיאן און מרים פערגאמענט. דער בעסטער פון זיי איז געווען אן צווייפל יעקב גארדאן, וועלכער האט גוט געשפילט און אויך גערעדט. נאך אן אינטערעסאנטע זאך איז געווען א קינדער שפיל "משה והעזים" אויפגעפירט פון דער עלטערער גרופע קינדער גארטן. זייער אמוזירנד איז געווען סיי פאר די גרויסע און סיי פאר די קליינע די קינדער. די קינדער זיינען געווען אנגעטאן אין מאסקעס פון פארשיידענע חיות, ווי א קאץ און דאס גלייכן.

צו לעצט איז געווען א שפיל אין אידיש וואס האט געהייסן 'חנה'לע,' אויפגעפירט פון שלמה בארסקי, דוד מאסקאוויטש, ג. סיידלער, בערטי בעקער און לאה וואלפמאן, וועלכעס איז אויך געווען אינטערעסאנט און פיין אויפגעפירט.

דער פארזיצער פון אוונט איז געווען מר. שווארצפלד, וועלכער האט צו לעצט באדאנקט מר. און מרס. אייזנבערג פאר דער אויסגעצייכנטער ארבעט וואס זיי האבן געטאן דאס אלעס צו אראנזשירן. א דאנק מרס. אייזנבערג, וואס האט איבערהויפט א גרויסן איינפלוס אויף די קינדער און פארשטייט ווי אומצוגיין מיט די קליינע קינדער פון קינדער גארטן, מאכן פארשיידענע זאכן צו באצירן די קינדערשע קאסטיומען, וואס דאס קליינוואורג ליבט אזוי שטארק איז דאס געווען א גרויסער דערפאלג און א יום־טוב פאר קליין און גרויס.

* * *

דאנערשטאג, דעם 18טן דעצעמבער איז פארגעקומען א פארזאמלונג פון אידישן קולטור צענטער. דאס מאל דארפן מיר זיך גראטולירן. ס'איז געווען א גרעסערע צאל מיטגלידער ווי דאס לעצטע מאל. עס איז דיסקוטירט געווארן צי דארפן דער א. ק. צ. עקזיסטירן צי ניין. מ'איז אבער געקומען צום באשלוס אז ער דארף עקזיסטירן. ס'איז פארגעקומען וואלן פאר באאמטע און די פאלגנדיקע זיינען דערוויילט געווארן: מר. ראזנבערג, פרעזידענט; מר. י. ראזי, וויצע־פרעז.; מר. וויליאם קאנטער, סעקרעטאר; מר. י. מינץ, קאסירער.

אין עקזעקוטיוו קאמיטעט זיינען דערוויילט געווארן: מרס. אייזנבערג, מר. גאטעספעלד, מר. ראטנער, מר. ווילקס, מר. גליקמאן און מרס מילנער. די לעצטע קאמיטעט פארזאמלונג וואס איז פארגעקומען, וועלכע איז געווען קיין עין הרע נישקשה'דיק באזוכט, האט באשלאסן צו האבן די קומענדיקע פארזאמלונג מיטוואך דעם 7טן יאנואר. מר. ראזנבערג וועט געבן א פארטראג און מר. גליקמאן וועט געבן "אידישע נייעס".

* * *

דער $10.00 נאכמיטאג וואס איז געגעבן געווארן פון דער "ליידיס אקזילערי" האט זיך ארויסגעוויזן צו זיין א גרויסער דערפאלג. ס'איז אריינגעבראכט געווארן די סומע פון $460.00. די פאלגנדיקע זיינען געווען אין דעם יעצט שוין אויפגעלייזטן קאמיטעט ספעציעל פאר דעם צען דאלארדיקן פאנד:

מרס. קראמינסקי, האנ. פרעז.; מרס. מ. העלמאן, פרעז.; מרס. דזש. קליימאן, וויצע־פרעזידענטן; מרס. ס. פערלמאן, קאסירערן; מרס. ב. לעסק, סעקרעטארן; מרס י. ריינבארן, פינ. סעקר.; עקזעקוטיווע: די פרויען — דזש. נאויק, ב. פראסטערמאן, ב. טשעסלאווסקי, מ. שווארץ, ה. אייזמאן, א. לייבאוויטש, נ. פראסטערמאן, דזש. שווארצפעלד, ס. סאנדאמירסקי און ז. נייטנסאן.

דער יעצטיקער קאמיטעט באאמטע זיינען ווי פאלגט: מרס. מ. העלמאן, האנ. פרעז.; מרס. ב. צורף, פרעז.; מרס. ס. קראמינסקי, וויצע־פרעז.; מרס. ס. פערלמאן, קאסירערן; מרס. י. ריינבארן, פינ. סעקר.; מרס. ב. לעסק, אלגעמ. סעקר.

עקזעקוטיווע: די פרויען — ב. אייזמאן, א. לייבאוויטש, דזש. שווארצפעלד, ב. טשעסלאווסקי, מ. פראסטערמאן, י. פרידגוט, נ. פראסטערמאן, ה. מ. שילער, ה. קאן, י. שיין, ז. נייטנסאן, ס. סאנדאמירסקי און דזש. קליימאן.

איר זייט ווילקאמען צו רידזשיינעס
היים ענלאכן האטעל
די קיטשענער
אנגענעם און ריין
אייראפייאישער פלאן, מעסיקע פרייזן
פריוואטער גאראדזש
סעמפל רום
H. J. LUSH, Mgr.

REGiNA CARTAGE & STORAGE LIMITED
טעלעפאן 93 041
דיסטריביוטארן פון די בארימטע
ראוד יל לאמפ און סטאוו קוילן
פאר היימישן געברויך, אויך
ביג הארן און סאונדערס קריק
בעלוויו און גרינהיל סטים קוילן
דזשענעראל קארטעדזש, מוווינג און סטארעדזש

רעדזשיינע אויפמערקזאם רעדזשיינע
י. בערעזנער
איז דער קארעספאנדענט און פארטרעטער פאר "דאס אידישע ווארט"
אין אייער שטאט און אומגעגנט
מיר בעטן אלע סעקרעטארן פון רעדזשיינער ארגאניזאציעס צו איבערגעבן די נייעס און בארייכטן פון זייערע ארגאניזאציעס צו מר. י. בערעזנער, 1523 וויקטאריא עווע., וועלכער איז אויך באפולמעכטיקט אננעמען סובסקריפשאנס פאר "דאס אידישע ווארט". שרייבט אדער טעלעפאנירט
5365

באנוצט זיך מיט די קאלומס
— פון —
"דאס אידישע ווארט"
פאר אלע
היימישע און געשעפט
אנגעלעגנהייטן